# אשי ישראל
# השלם



## אידיש



כ"ט

# בך רבינו נגילה...

דער הייליגער רבי רעדט אזויפיל פון שמחה, מיר געפונען נאכנישט אזעלעכ׳ס. אין די שיחות, אין ספר המדות, אין ליקוטי מוהר״ן - אזויפיל רעדן פון שמחה! ווייזט טאקע אויס - אז ס׳איז סובב והולך אויף איהם! די גאנצע שמחה און תודה והודאה - וואס דער אייבערשטער האט אויף אונז רחמנות געהאט און אונז געגעבן אזא רבי׳ן!

און מיר דארפן זוכן, מיר דארפן זוכן, ס׳איז דא, מ׳דארף נאר זוכן, ס׳איז דא!

לשמחה מה זו עושה?! גוט, איך גלייב אין גא-ט, איך גלייב אין תורה, שוין! די גאנצע וועלט גלייבט אויכעט, מ׳גלייבט אין אייבערשטן! - - ניין!! דער הייליגער רבי רעדט אזויפיל פון שמחה, ווייזט אויס מ׳האט זיך אסאך צו פרייען מיט׳ן הייליגן רבי׳ן! בך רבינו נגילה!...

אבער מ׳דארף זעהן ערנסט, מ׳זאל קוקן מיט אן אנדער אויג, מיט אן אמת׳דיג אויג, מ׳זאל זוכן אזוי ווי מען דארף, מען זאל זוכן, און מ׳זאל זיך נישט מייאש זיין! און אזוי אלסדינג, וואספארא דיבור פון הייליגן רבי׳ן, אין די תורות, אין די שיחות, אין די מעשיות, איז אלץ - נישט געמאכט פאר קיינעם, נאר פאר אונז! פאר אונז בכל דור ודור, פאר יעדן איד, בכל דור ודור!

אז ער זאגט; **׳אין שום יאוש בעולם כלל׳** - עטליכע ווערטער, איין מאל, צוויי מאל, דריי מאל, פערטיג! [- למה צריך לחזור על זה כל כך הרבה] ׳אין שום יאוש בעולם כלל׳! אבער דער ׳אין שום יאוש בעולם כלל׳ איז ארויס פונעם רבי׳ן מיט אזא מין געוואלד, מיט אזא מין געוואלד, עד כלות הנפש - ״געווא-א-לד״! ער האט זייער מאריך געווען מיט דעם ווארט ״געוואלד״, אזעלעכ׳ס. נאכדעם איז איהם שיעור אויסגעגאנגען דאס חיות - האט ער געזאגט; ׳זייט אייך נישט מייאש׳, ׳זייט אייך נישט מייאש׳, ׳קיין יאוש איז גאנישט פארהאנען׳!

נו, מ׳האט שוין געהערט נישט איינמאל, און איך ווייס שוין פון דעם! - ניין, ניין! דאס דארף זיין תמיד ניי!

און מ׳דארף וויסן אז דאס איז אלץ סובב והולך אויף איהם, ׳אן איהם׳ - איז יא דא יאוש, ׳מיט איהם׳ - איז נישט דא קיין יאוש! ער האט געשריגן געוואלד, מ׳זאל וויסן - אז ס׳איז דא אזא רבי איז שוין ׳אין שום יאוש בעולם כלל׳!

די גאנצע וועלט ווייסט ׳אין שום יאוש בעולם׳, מ׳נעמט אפאר ווערטער און שוין, פטור, שוין אפגעהערט! וואס איז דא ווייטער?! - ניין! דאס איז מרומז אין דעם ׳געוואלד׳, אין דעם ׳אין שום יאוש׳, דאס גייט אויפ׳ן רבי׳ן, אז מ׳האט איהם - איז ׳אין שום יאוש׳, און אז מ׳האט איהם נישט - איז יא דא יאוש! די וועלט זעהט אויס וויאזוי מ׳זעהט נעבעך אויס, זיי האבן נישט ווער ס׳זאל זיי העלפן, זיי האבן נישט ווער ס׳זאל זיי ארויסשלעפן פון די בלאטע ארויס! און מיר זענען אויכעט - - ווען מ׳גיבט זיך איבער צום רבי׳ן, און די אמונה וואס מ׳האט אין

רבי׳ן - זענען מיר געראטעוועט תיכף! תיכף! דאס איז דער עיקר, מיט דעם קען מען זיין אידן, מיט דעם איז ׳אשרינו׳!!!

און אזוי יעדע ווארט פון הייליגן רבי׳ן, און אויף דעם שמחה, מ׳זעהט ארויס אין די מכתבים, אין ליקוטי תפלות, אין ליקוטי מוהר״ן, אז דער עיקר - אז מ׳ווייסט פון הייליגן רבי׳ן! מ׳דארף זעהן מ׳זאל וויסן פון איהם, מ׳דארף זוכן איהם! דער הייליגער רבי אליין אין תורה ח׳, און אין אנדערע תורות, זאגט ער אליין וויאזוי מ׳דארף זוכן דעם צדיק, דעם צדיק הדור, דעם צדיק האמת, וויאזוי מ׳דארף איהם זוכן. נו, מ׳זעהט עס נאכאמאל, און מ׳זעהט עס נאכאמאל און שוין - -

* * *